Friday, Sept. 7, 1979 בּ׳יטאג פרשת תבא, תשל״ט

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
ע״י העדה החרדית פרושים וחסידים
בעיה״ק ירושלם תובב״א
ת. ד. 5006

פעיה״ק ירושלים יום כ״ב לחדש מנ״א שנת תשל״ט

מעכ״ת הרבנים הגאונים הגדולים שליט״א חברי התאחדות הרבנים דארה״ב וקנדא

אחדשה״ח ברי״ב ויקרא דאורייתא

בתשובה למכתבכם בדבר העופות אנחנו אסרנו לעשות כן במדינתינו כאשר חזינו מעשיהם ונולד לנו כמה חששות, אבל הנעשה במדינתכם אשר כפי המבואר במכתבכם לא ראיתם שום חשש וכמו שאמרו לפנינו בע״פ הרבנים שליט״א שבאו בשלוחתכם אין לפקפק בזה, והמוציא לעז עתיד ליתן את הדין

הכו״ח בכבוד רב הביד״צ דפעיה״ק ירושלים
נאום יצחק יעקב ווייס ראב״ד פעיה״ק
נאום משה אריה פריינד
נאום ישראל משה בלאמו״ר הגה״ק מהרי״צ זצל״ה

# בי״ד המיוחד לענייני כשרות
# שע״י התאחדות הרבנים דארה״ב וקאנאדא

בעזה״י
...י״ד מנחם אב תשל״ט

בהתאספנו יחד היום בעיר קרית יואל בבית כבוד קדושת רבינו גאון ישראל וקדושו מרן אדמו״ר מסאטמאר (שליט״א) זצוק״ל והיינו נושאים ונותנים בענין הזריקות שנותנים בעופות ביום הולדם אם יש בזה איזה חשש איסור על פי הלכה. אחר שהעידו הרבנים הנוכחים באספה שראו בעצמם אופן וסדר הזריקות יצא פסק הלכה מכל הרבנים הנוכחים שאין שום חשש איסור על העופות וכשרים הם בלי שום חשש ופקפק כלל, ויאכלו ענוים וישבעו. ועל זה באנו על החתום יום ושנה הנ״ל פה קרית יואל.

| | |
|---|---|
| משה טייטעלבוים<br>אב״ד סיגעט | חק׳ יוסף גרינוואלד<br>אב״ד ק״ק פאפא |
| עזריאל יהודה לעבאוויטץ<br>אב״ד ור״מ עדת יראים | משה צבי ארי׳ ביק |
| אלכסנדר אשר באבב״ד<br>אבב״ד מירטיקוב | יחזקאל ראטה<br>דומ״ץ דק׳ יטב לב, ב״פ |
| חק׳ אברהם לייטנער<br>אב״ד מאנטעווידעא | |

# מודעה רבה לאורייתא
# ניט גענידעלטע עופות פאר׳ן זעלבען פרייז ווי גענידלטע

אחינו בני ישראל החרדים לדבר ה׳:

איר קענט איצט עסן ניט גענידעלטע טשיקענס אנ־שטאט די גענידעלטע, וועלכע נויטיקען זיך אין אמערי־קאנער הכשרים און התרים אפילו פון רבנים חרדים. די דאזיגע גענידלטע עופות ווערן ניט געגעסן פון ערליכע אידן אין ארץ ישראל שוין עטליכע יאר, ווייל זיי זענען ניט גלאט כשר, היות עס איז פאראן א שאלה לכל הדעות. פאר דעם זעלבען פרייז קענט איר עסען ניט גענידלטע עופות ווי אונזערע אבות און אבות אבותינו האבן געגעסן. אידן, וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה און ווילען ניט עסן מבהמה שהורה בה חכם, דארפן ניט זיך אריינלאזן אין גענידלטע טשיקענס, וואס האבן א שאלה.

פאראינטערעסירטע קענען זיך ווענדן אויף די פאל־גענדע טעלעפאנען: (212) 732-8534, (212) 435-8237

ביי דער געלעגענהייט ווילן מיר איבערגעבן אז דער ניי־אויפ־געקומענער גאב״ד פון ירושלים, הרהגה״צ ר׳ יצחק יעקב ווייס שליט״א, וועלכער האט פארבראכט שבת פ׳ שופטים אין נייטרא, מאונט קיסקא, האט זיך אנטזאגט צו עסן אפילו טשיקען פליש צוליב דעם בירור הלכה אז מען טאר ניט עסן גענידלטע עופות.

אין אמעריקע ווערן אלע טשיקענס גענידלט. ווען מ׳האט גע־פרעגט ביים ירושלימער גאב״ד אויב עס זענען ריכטיג די קלאנגען אז ער האט חרטה געהאט אויף זיין פסק לאיסור אויף די גענידלטע עופות, האט ער געענטפערט קאטעגאריש אז ער האט קיינמאל ניט חרטה געהאט און אז ער האלט זיך ביי זיין פסק דין אז מען טאר די טשיקען ניט עסן און אלע שמועות אויף פארקערט זענען הבל הבלים.

אויך דער שומר אמונים רבי, הרה״צ אברהם יצחק קאהן שליט״א האט זיך מיטגעברענגט פון א״י טשיקען צום עסן שבת ווען ער האט פארווילט מיט זיינע חסידים אין מאנסי.

די אויבענדערמאנטע רבנים און רביים האבן נאך א צאל סיבות פאר ניט וועלן עסן אמעריקאנער גע׳שחט׳ענע פלייש און טשיקענס צוליב געוויסע הידורים וואס זענען אנגענומען אין ארץ ישראל אויף וועלכע מען איז ניט מדקדק אין אמעריקע, ווי מאסן שחיטה, געווארפענע קעסטלעך מיט עופות (חשש ריסוק אברים) מאסן כשר מאכען.

ווי עס האבן געהאנדלט די אנדערע חברים פון ביד״צ וויסן מיר ניט. אבער 75 פראצענט פון די אנגעקומענע געסט פון א״י לכבוד דער הקמת מצבה אויף דעם ציון פון סאטמארער רבי׳ן זצ״ל האבן זיך ניט פארפלישיגט זייענדיג אין אמעריקע און פילע פון די אנדערע געסט האבן געטאן דאס זעלבע.

**חק׳ שלום יודא גראס**
**העלמינער רבי**

אלגעמיינער זשורנאל
פרייטאג, סעפטעמבער 7, 1979